**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/7/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז היינט, יולי 7, וועט ווערן ארויסגעשטעלט אריינגאנג טיקעטס און פארקינג וואטשערס צו קויפן פאר די 2025 גרויסארטיגע ניו יארק סטעיט פעיר**

***די גרויסארטיגע ניו יארק סטעיט פעיר וועט זיך אנהויבן אויף מיטוואך, אגוסט 20, ביז לעיבאר דעי, סעפטעמבער 1***

***די גרויסארטיגע ניו יארק סטעיט פעיר שטעלט צו א פאמיליע-פריינטליכע, עפארדעבל וועג פאר ניו יארקער אראפצוקיין פונעם אינטערנעט און ארויסגיין אינדרויסן דעם זוממער***

***צו באקומען איין-טאגיגע טיקעטס און די אפטע פעיר-גאויער אפציע איז צוריק פאר פעיר סופער-פענס***

***סענטראו'ס פארק-און-רייד דירעקטע שאטלען פון דאונטאון טראנזיט צענטער, לאנג ברענטש פארק, און דעסטיני USA צו זיך צוריקקערן צום פעיר***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז אריינגאנג און פארקינג פאר די 2025 גרויסארטיגע ניו יארק סטעיט פעיר (Great New York State Fair) איז היינט ארויסגעשטעלט געווארן אויף צו קויפן. אנגעפאקט מיט ווערדפולע אינהאלט, טוט אן איינצלנע אריינגאנג טיקעט קאסטן 8 דאלאר, און רעכנט אריין צוטריט צו אלע פארוויילונג אויף'ן ארט און די שעווראלעט מוזיק סעריע (Chevrolet Music Series), אין די צייט וואס פארקינג קאסט 12 דאלאר. אין צוגאב, איז דא צו באקומען אן אפטע פעיר-גאויער טיקעט אפציע פאר 25 דאלאר. אריינגאנג איז ווייטער פריי פון אפצאל פאר די אין די עלטער פון 65 און ארויף, ווי אויך פאר קינדער אין די עלטער פון 12 און אראפ, טועענדיג ווייטער פארזיכערן אז די פעיר איז איינער פון די מערסט עפארדעבל פעירס אינעם לאנד, צושטעלנדיג א צוטריטליכע ארט פאר די גאנצע פאמיליע אראפצוגיין פונעם אינטערנעט און ארויסגיין אינדרויסן.

פאר די סופער-פענס וואס פלאנען צו זיין ביים פעיר פאר כאטש פיר טעג אין לויף פון די 13 טעג וואס עס קומט פאר, וועט די אפטע פעיר-גאויער (Frequent Fairgoer) אפציע נאכאמאל ערלויבן די טיקעט איינגנטומער אריינצוגיין צום פעיר איינמאל א טאג, א יעדן טאג, אין לויף פונעם פעיר. אן אפטע פעיר-גאויער טיקעט קען נישט געגעבן ווערן פאר א צווייטן און איז נאר עוועילעבל אנליין.

"די גרויסארטיגע ניו יארק סטעיט פעיר איז שוין א באליבטע טראדיציע פאר לאנגע יארן, און א הויפט חלק פון אונזערע זוממערס דא אין ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "מענטשן זאלן נישט דארפן צוברעכן דעם באנק צו האבן גוטע צייט. אנגעהויבן פון היינט, איז שוין דא צו קויפן טיקעטס פאר די עפארדעבל, פאמיליע-פריינטליכע פארזאמלונג. ניו יארקער - קויפט אייערע טיקעטס היינט און איך וועל אייך זעהן ביים פעיר דעם זוממער!"

**ניו יארק סטעיט אגריקאלטשער קאמישענער Richard A. Ball (ריטשארד א. באל) האט געזאגט,** "זוממער מיינט איין זאך - עס איז צייט פאר די גרעסטע ניו יארק סטעיט פעיר! איך מוטיג יעדער איינער יעצט צו קויפן זייערע טיקעטס און אנהויבן פלאנירן זייערע אויספלוג צו לערנען איבער ניו יארק סטעיט אגריקאלטשער, פארזוכן געשמאקע עסנווארג, הנאה האבן פון גרעסטע פארוויילונג, און אזויפיל נאך."

**ניו יארק סטעיט פעיר דירעקטאר Julie LaFave (דשולי לאפעיוו) האט געזאגט,** "די 2025 גרעסטע ניו יארק סטעיט פעיר איז בלויז 43 טעג אוועק, דערפאר איז יעצט די צייט פאר די וואס וועלן גיין צום פעיר צו אנהויבן פלאנירן א טאג (אדער 13!) פון אומפארגעסליכע זוממער הנאה. פון חיות, ביז צו הונדערטע קאמערציאלע אטראקציעס, פילע עקסייטינג מיד-וועי ריידס, און צענדליגע גאר באקאנטע ענטערטעינערס, טוט די פעיר האבן עפעס פאר די גאנצע פאמיליע און אזויפיל גוטע זכרונות ווארטן געמאכט צו ווערן. מיר טוען שטארק מוטיגן די וואס קומען צום פעיר צו מסדר זיין זייערע טיקעטס און פארקינג פאר'ן אנקומען צום ארט. מיט נאנט צו 100,000 מענטשן ארום דעם שטח פונעם פעיר א יעדן טאג, טוט איינקויפן פון פאראויס העלפן פארמינערן ווארט ליניעס און פארזיכערן אז די וואס קומען צום פעיר גייען אריבער די טויערן די שנעלסטע וואס מעגליך צו קענען הנאה האבן פון אלע געשמאקע זאכן וואס די פעיר האט צו פאקויפן! פון אונזער פעיר פאמיליע צו אייערע - מיר קענען קוים ווארטן אייך באלד צו זעהן!"

פעיר אריינגאנג רעכנט אריין די מעגליכקייט צו זעהן צענדליגע נאציאנאלע רעקארדינג אקטן אין די שעווראלעט מוזיק סעריע, אריינגערעכנט גרעמי געווינער (Grammy winners), ראק און ראול האל אוו פעים (Rock and Roll Hall of Fame) פערפארמער, און אזויפיל נאך. עס וועט פארקומען א טעגליכע 1:00 p.m. און 6:00 p.m. קאנצערט ביים **שעווי קאורט (Chevy Court)** (וואס געפונט זיך נעבן טויער 1) מיט א באזונדערע פארשטעלונג 9:00 p.m. פרייטאג צונאכטס, ווי אויך א טעגליכע 8:00 p.m. קאנצערט ביי **סאבאורבען פארק (Suburban Park)** (וואס געפונט זיך ביים מערב עק פון די פעיר-גראונדס, נאך די מיד-וועי).
די לעצטע קאנצערט סקעדזשולס זענען פארעפנטליכט אויף די פעיר'ס וועבזייטל אויף די בלעטער פון [Chevy Court](https://nysfair.ny.gov/) און [Suburban Park](https://nysfair.ny.gov/).

**<u>וויאזוי צו קויפן טיקעטס און פארקינג פאר די גרעסטע ניו יארק סטעיט פעיר</u>**
**עס זענען דא דריי וועגן צו קויפן אריינגאנג טיקעטס און/אדער פארקינג:** אנליין, דורכ'ן טעלעפאן, אדער פארזענליך פון אויגוסט 20 ביז סעפטעמבער 1.

- **<u>אנליין:</u>** די לינק צו קויפן אריינגאנג טיקעטס און פארקינג וועט זיך עפענען **9:00 a.m. אויף מאנטאג, יולי 7**, אויף [די גרעסטע ניו יארק סטעיט פעיר'ס וועבזייטל](https://nysfair.ny.gov/).
- **<u>דורכ'ן טעלעפאן:</u>** אנגעפאנגען פון יולי 7, קען מען אויך קויפן טיקעטס און פארקינג דורכ'ן טעלעפאן דורך רופן Etix טאל-פריי אויף 1-800-514-3849 פון 9:00 a.m. ביז 8:00 p.m. פון מאנטאג ביז שבת, און 12:00 p.m. ביז 8:00 p.m. אויף זונטאג.
- **<u>ביים אריינגאנג:</u>** אנגעפאנגען פון מיטוואך, אויגוסט 20, וועלן קיאסקס געשטעלט ביי אלע טויערן זיין עוועילעבעל צו קויפן טיקעטס עלעקטראנישערהייט. צו מינימיזירן ווארט צייט ביים קיאסק, וועלן זיין צוגעשטעלט גרויסע שילדן מיט QR קאודס ביי אלע אריינגאנג און פארקינג לאטס כדי אז די וואס קומען צום פעיר זאלן קענען ניצן זייערע סמארטפאונס צו קויפן טיקעטס.

אריינגערעכנט קאסטן, וועט די **סך הכל קאסט** פאר די וואס קומען צום פעיר זיין:
- **אריינגאנג:** 8.32 דאלאר א טיקעט (8 דאלאר אריינגאנג, טיקעט קאסט פון 14 צענט, קרעדיט קארטל פראצעסירונג קאסט פון 18 צענט)

- **אפטע פעיר-גאויער:** 25.70 דאלאר (25 דאלאר אפטע פעיר-גאויער טיקעט, טיקעט קאסט פון 14 צענט, קרעדיט קארטל פראצעסירונג קאסט פון 56 צענט; באמערקט אז די אפטע פעיר-גאויער טיקעטס זענען נאר עוועילעבל אנליין)
- **פארקינג:** 12.41 דאלאר א וויהיקעל (12 דאלאר פארקינג, טיקעט קאסט פון 14 צענט, קרעדיט קארטל פראצעסירונג קאסט פון 27 צענט)

ווען מען קומט אן צום פעיר, וועלן דרייווער דארפן ווייזן זייערע פארקינג טיקעט צום לאט געהילף עלעקטראנישערהייט אויף זייערע פאונס אדער דורך א געדרוקטע קאפיע. ביטע באמערקט אז ווידער דאס יאר, **איז EZPass Plus נישט קיין אפציע** פאר פארקינג. פארקינג טיקעטס קענען געקויפט ווערן מיט א קרעדיט קארטל ביי די לאטס. ביטע באמערקט אז מען נעמט נישט אן קיין קעש.

עס וועלן נישט זיין **קיין שום קעש פארקויפונגען** ביי די פעיר'ס אריינגאנג טויערן אדער אין די פארקינג לאטס. מאשינען וואס קענען פארוואדלען קעש צו א נוצבארע קארטל וועלן געשטעלט ווערן ביי די פעיר'ס הויפט טויערן פאר די וואס קומען צום פעיר מיט קעש.

**<u>שעות פון אפעראציע</u>**

די געוואלדיגע ניו יארק סטעיט פעיר פאנגט זיך אן אויף מיטוואך, אגוסט 20, און ציעט זיך ביז לעיבאר דעי, סעפטעמבער 1. די פעיר'ס שעות פון אפעראציע זענען פון 9:00 a.m. ביז 11:00 p.m. א יעדן טאג, אויסער לעיבאר דעי, ווען די פעיר פארמאכט זיך 9:00 p.m. טויערן עפענען זיך צום פובליק 9:00 a.m. און פארמאכן זיך 9:00 p.m. א יעדן טאג אויסער לעיבאר דעי, מאנטאג, סעפטעמבער 4 [sic], ווען קיינער וועט נישט ווערן אריינגעלאזט נאך 8:00 p.m.

**פארקינג שעות:** די אראנדשע פארקינג לאט עפענט זיך יעדן טאג 9:00 a.m.., די ברוינע און פינקע לאטס עפענען זיך יעדן טאג 6:00 a.m.., און די גרויע לאט עפענט זיך יעדן טאג 8:30 a.m. די וויליס עוועניו פארקינג לאט עפענט זיך 10:00 a.m.., אבער וועט נאר זיין אפען אויף פרייטאג, שבת, זונטאג, און לעיבאר דעי.

**טרעמס:** פאר די באקוועמליכקייט פון די באזוכער צום פעיר, וועלן טרעמס כסדר לויפן אויף די שטח פונעם פעיר, זיך אפשטעלנדיג ביי 10 פלעצער פון 9:00 a.m. ביז 10:00 p.m.* יעדן טאג. אין צוגאב, וועט א **ספעציעל געווידעמעטע ADA שאטל** לויפן צווישן די גרויע צוטריטליכע פארקינג לאט, וואס געפונט זיך אינדרויסן פון טויער 10, ביז צום טרעם אפשטעל סטאנציע #3 ביי די הונטערשטע אריינגאנג פון די הארטיקאלטשער געביידע פון 9:00 a.m. ביז 11:00 p.m.* יעדן טאג.
**באמערקט, אויף מאנטאג, סעפטעמבער 1, הערן די טרעמס אויף צו אפערירן א שעה פריער.*

**<u>סענטראו'ס פארק-און רייד דירעקטע שאטל סערוויס צו און פון דעם פעיר</u>**

סענטראו'ס פארק-און-רייד (Park-N-Ride) דירעקטע שאטל סערוויס וועט צושטעלן טראנספארטאציע פאר פאסאנדשירן פון די סענטראו טראנזיט צענטער דאונטאון, לאנג ברענטש פארק, און דעסטיני USA צו און פון די שטח פונעם פעיר, מיט דראפ-אף און פיק-אפ פונקטן צו די לינקע זייט פונעם הויפט טויער. צו פארן מיט'ן שאטל איין וועג, איז די קאסט 1 דאלאר פאר ערוואקסענער, און 50 צענט פאר עלטערער בירגער, קינדער פון זעקס ביז ניין, און פאר די וואס לעבן מיט דיסאביליטי. די לעצטע שאטל פארלאזט די שטח פונעם פעיר יעדן טאג אום 11:15 p.m. שאטלען ווען לויפן אויף א באגרעניצטע פארנעם נאך 9:00 p.m. אויף סעפטעמבער 1, וויבאלד די פעיר שליסט זיך א שעה פריער יענעם טאג.

**<u>WADE SHOWS מיד-וועי: טיקעטס וועלן באלד ארויסגעשטעלט ווערן</u>**

עדווענס טיקעטס פאר די פעיר'ס ברייט-באקאנטע מיד-וועי (Midway), אנגעפירט דורך Wade Shows, וועלן ארויסגעשטעלט ווערן אין די קומענדיגע וואכן. האלט מיט די לעצטיגע אפדעיטס מיט די פעיר'ס סאושעל מידיע און וועבזייטל צו זיין די ערשטע צו הערן ווען די טיקעטס ווערן עווײלעבל צו קויפן.

**איבער די געוואלדיגע ניו יארק סטעיט פעיר**

געגרינדעט אין 1841, זענען די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר פארשטעלונגען די בעסטע פון ניו יארק אגריקולטור, זיי שטעלן צו בעסערע אונטערהאלטונג, און איז א שליסל שטיקל פונעם סטעיט'ס CNY Rising סטראטעגיע פון פארברייטערן די צענטראל ניו יארק עקאנאמיע דורך טוריזם. עס איז די עלטסטע פעיר אין די פאראייניגטע שטאטן און ווערט נאכאנאנד אנערקענט אלס איינס פון די העכסטע פינף סטעיט פעירס אינעם לאנד.

די ניו יארק סטעיט פעיר שטח איז 375 אקער גרויס און איז פול מיט אויסשטעלונגען און אונטערהאלטונג וואס זענען אפן א גאנץ יאר. די פובליק איז געמוטיגט צו לערנען מער איבער די געוואלדיגע ניו יארק סטעיט פעיר אנליין, זעהן בילדער אויף Flickr, און פאלגט נאך די הנאה אויף Facebook, X (פון פריער באקאנט אלס Twitter), און Instagram.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן